# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIII, No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1931

## AN APPEAL TO THE JEWISH PEOPLE

*Written by a Gentile follower of the Lord Jesus Christ, Dr. Henry Ostrom, who, because he is a true Christian, is a profound lover of the Jews, and earnestly seeks their good. Copyright 1923, by Henry Ostrom. Used with expressed permission.*

"My heart's desire and prayer to God for Israel is that they might be saved." The "Holy Temple" has indeed been destroyed, the "Holy City" has indeed been "trodden down of the Gentiles," the "Holy Land" has been desolated. But that such must needs come to pass is clearly accounted for in the ancient Scriptures. Men's traditions do not and can not account for these things; but God, who knows the end from the beginning, does in His Word make plain the interpretation of them.

And now, since "God has made of one blood all men to dwell upon the face of the whole earth," let me appeal to those who have for so many generations been taught to call Abraham "father." My friend, I am a follower of that "Son of man," who was born of a Jewish mother, and whose history has not been hid in a corner. I ask you to consider this: Why do the New Testament Scriptures begin thus: "The book of the generation of Jesus Christ, the son of David, the son of Abraham?"

Do you not, if an orthodox Jew, look for the Messiah by this true line? If another, this very day, were to lay claim to the Messiahship, and you were interested in him, can you produce the chronologial records by which to check his claim? Are those records not destroyed? But the New Testament Scriptures have them. Will you not seek to look into these records, to find whether these things be so? For by the sure revelation from God, given here, you may do one of four things:

1. You may die in your sins, in spite of celebrating ancient ceremonials, which have no sacrifice with "THE BLOOD," and be lost in hell. For where is the blood that you must have for atonement? At the time of the Passover in Egypt, for instance, there was not only the eating of the meal (as you must know), but there was also the sprinkled blood, as it is recorded: "When I see the BLOOD I will pass over you" (Ex 12.) Where is your sacrifice? Where is the shed blood?

2. You may heed my appeal in so far as it attracts you to study about the Messiah, and He may come again in your lifetime; but you, left then on this earth in the midst of the tribulation described by Zechariah and other prophets, may die after accepting Him—die as a martyr for His name, saved only by His most precious blood already shed on Calvary, and then be glorified with Him.

3. You may pass through the desolations of the great tribulation, and after some seven years of that agony catch the look in the eye of Him who died on Calvary, as He appears "the second time" the very One who was "wounded in the house of his friends." You will "mourn because of him," and accept Him.

4. Or, you may now see Him by faith who has given His life in sacrifice for you, turning the judgment seat into the mercy seat, your true Passover, whose blood is your atonement, and be saved. And then, looking down from the heights with Him and all the saints, you will behold Him vindicate the ancient covenant, and reign on the throne of David over the whole earth. The "merits of the fathers" are, at best, the merits of sinners like ourselves. They are as empty as a fading shadow.

"Choose you this day!"

## WHEN THE ATHEIST MEETS THE ACID TEST

A short time ago there came to the office of the National Christian Association a circular letter from the Atheist Society of Chicago, which said that it "will be the greatest anti-religious center in the world. We will make Chicago the Atheist Headquarters of the United States."

But God is not alarmed, nor does the humblest Christian need to fear.

Atheists and infidels are brave when they imagine that danger is far away, but their attitude often changes when controlled by serious thoughts or when death approaches.

David Hume, the eighteenth century skeptic, said, "What am I? From what cause did I derive my existence? To what condition shall I return? I am confounded with these questions. I begin to fancy myself in a most deplorable condition, environed with the deepest darkness on every side."

Voltaire, a short time before his death, summoned his physician and offered him all he had if he would keep him alive for six months. The doctor replied, "You can't live six hours." "Then," answered the dying infidel, "I must go to hell."

Tom Paine spoke of death as "a leap into the dark," and said he would give worlds if he had them, if *The Age of Reason* had never been published.—Wm. Leon Brown, in the *Christian Cynosure.*

40 Cents WORTH FOR 25 Cents

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:

Address:
THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## OUR HEADQUARTERS



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

("Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life." John 4:14.)

"And he said, A certain man had two sons: And the younger of them said to his father, Father, give me the portion of goods that falleth to me. And he divided unto them his living. And not many days after the younger son gathered all together, and took his journey into a far country, and there wasted his substance with riotous living. And when he had spent all, there arose a mighty famine in that land; and he began to be in want. And he went and joined himself to a citizen of that country; and he sent him into his fields to feed swine. And he would fain have filled his belly with the husks that the swine did eat: and no man gave unto him. And when he came to himself, he said, How many hired servants of my father's have bread enough and to spare, and I perish with hunger! I will arise and go to my father, and will say unto him, Father, I have sinned against heaven, and before thee, and am no more worthy to be called thy son: make me as one of thy hired servants. And he arose, and came to his father. But when he was yet a great way off, his father saw him, and had compassion, and ran, and fell on his neck, and kissed him. And the son said unto him, Father, I have sinned against heaven, and in thy sight, and am no more worthy to be called thy son. But the father said to his servants, Bring forth the best robe, and put it on him; and put a ring on his hand, and shoes on his feet: and bring hither the fatted calf, and kill it: and let us eat and be merry: For this my son was dead, and is alive again; he was lost, and is found. And they began to be merry." Luke 15:11-24.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**ATLANTIC CITY, N. J.**
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

---

## אונזערע מיסיאָנען

איהר קאָנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פאַרשידענע טראַקטאַטען און ביכער, ווען איהר וועט באַזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאָלגענדע מיסיאָנען:

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופּ עווענױ

פילאַדעלפיא, פּא.
בית שר שלום
535 ספּרוס סטריט

אַטלאַנטיק סיטי
בית שר שלום
2603 פּאַסיפיק עווענױ

פּיטסבורג, פּא.
בית שר שלום
1861 ראָוז סטריט

שיקט אונז 20 סענט אין סטעמפּס וועלען מיר אייך שיקען אַ נייעם טעסטאַמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאָס וועט אייך די אויגען עפענען.

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept by us in the strictest confidence, as evidence of your good faith.

*Question* 1. *If a Jew becomes a Christian does that mean that he is a Goy (Gentile) and that he has become a traitor to the Jews?*

Answer 1. This is a popular and deceptive argument used by Jewish rabbis when they speak against the Lord Jesus Christ and against any Jew believing in Him as Saviour and Messiah. But it is false, as any one can easily see. In the first place the Lord Jesus Christ Himself was a Jew in the flesh and He was to be found in the Synagogue on the Sabbath Day. He obeyed all the laws of Moses, and many times challenged those who hated Him, to produce evidence of a single act of His which was a transgression of God's law; and the unimpeachable record is that no man could convict the Lord Jesus Christ of sin.

In the second place, every believer in the Lord Jesus Christ for approximately fifteen years after His crucifixion, was a Jew. It is estimated by the great church historian, Neander, that in the first hundred years of the Christian era, there were over one million Jews who became followers of the Lord Jesus Christ.

So you see that it is peculiarly Jewish to believe in the Lord Jesus Christ, and not Gentile. In the beginning, those Jews who became followers of the Lord Jesus Christ, remained in the Synagogue, and were considered one of the several sects of Jews who comprised the Synagogue membership, just as there was Pharisees and Sadducees. But later on, be it said to our shame, the Jewish leaders became so intolerant in their bigotry, that they drove these poor Jewish Christians out of the Synagogues, and put them to unspeakable persecutions and tortures; some they stoned, as in the case of Stephen. The truth is that these Jewish Christians have generally been the best friends that the Jews have had, and it is a pity that in these days of enlightenment, the Jewish Synagogue should not gladly welcome into its membership Jews who believe in the Lord Jesus Christ. When you go into a Synagogue to-day you will find Jews there who are Socialists, Anarchists, Communists, and sometimes even out-and-out Atheists. But let a Jew go into the Synagogue who is a follower of the Lord Jesus Christ, and he would receive insults, jeers of contempt, and possibly bodily injury. Yet we call ourselves liberal and broadminded!

## פראַגען און אַנטוואָרטען

לעזער פון דיעזען בלאַט זענען איינגעלאַדענט צו צושיקען פראַגען פאַר דיעזען קאָלום. די פראַגען מוזען זיין אונטערשריבען ביים זענדער, אָבער אונטער קיינע אומשטענדען וועלען וועלכע נעמען פאַרעפענטליכט ווערען צום לעזע פּובליקום.

### פראַגע 1

ווען אַ איד ווערט אַ גלויביגער אין ישוע המשיח, מיינט דאָס אַז ער איז געוואָרען אַ גוי און אַז ער איז דערפאַר אַ פאַררעטער צו אידען?

### אַנטוואָרט

דאָס איז אַן אַלגעמיינער ארגומענט וואָס מאַנכע אידישע פיהרער און רבנים באַנוצען זיך דערמיט ווען זיי רעדען געגען ישוע המשיח אָדער געגען אירגענד וועלכען איד וואָס גלויבט אַז ישוע המשיח איז דער גואל צדק. עס איז אָבער טאָטאַל פאַלש וואָס מ'קאָן זיך לייכט איבערצייגען.

ערשטענס, איז ישוע המשיח אַליין געווען אַ איד אין מענשען געשטאַלט און איז זעהר אָפט געזעהן געוואָרען אין די שוהלען צווישען אידען. ער האָט געהאַלטען אַלע מצוות וואָס גאָט ב"ה האָט אונז געגעבען. ער האָט איינמאַל געפרעגט זיינע פאַרפאָלגער, די אידען, אויב אַדווער קאָן איהם אַהינווייזען אויף וועלכע זינד און קיינער האָט איהם נישט געקאָנט אַהינווייזען אויף דער מינדעסטער עבירה אַז ער האָט געזאָלט באַגעהן. (יוחנן 8, 46.)

צווייטענס, איז יעדער גלויביגער אין ישוע המשיח פאַר אונגעפעהר פופצעהן יאָהר נאָך זיין קרייציגונג, געווען אַ איד. דער גרויסער היסטאָריקער נעאַנדער, האָט אָבגעשאַצט אַז אין די ערשטע הונדערט יאָהר פון די קריסטליכער צייט־רעכנונג איז געווען איין מיליאָן אידען וואָס האָבען געגלויבט עפענטליך אין ישוע המשיח.

דאָס הייסט, אַז דער גלויבען אין ישוע המשיח איז אַן אַבסאָלוטער אידישער גלויבען. יענע גלויביגע אידען זיינען פאַרבליבען אין די שוהלען און זיי זענען גערעכענט געווען אַלס איינע פון די פאַרשיעדענע אידישע סעקטען און גאָטשטעהענדע מיטגלידער פון די סינאַגאָג. עס איז נור טרויריג צו זאָגען, אַז שפּעטער זענען די אידישע פיהרער געוואָרען אַזוי אונטאָלעראַנט און פאַנאַטיש, אַז זיי האָבען יענע אידען וואָס האָבען געגלויבט אין ישוע המשיח, פון די שוהלען אַרויסגעוואָרפען און האָבען זיי פאַרפאָלגט און גע'רודפ'ט עד חרמה.

דער אמת איז אָבער אַז די גלויביגע אידען אין משיח זענען תמיד געווען די בעסטע פריינד וואָס אידען האָבען געהאַט. עס איז נור טרויריג אַז די סינאַגאָג זעהט דאָס נאָך נישט איין, אום אויפצועפענען די טיהרען צו ווילקאָמען אַזאַלכע נאָבעלע אידען אין משיח, אַלס מיטגליעדער פון אידישע געמיינדען.

אין די היינטיגע שוהלען קאָן מען היינט געפינען אידען וואָס זענען סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען, קאָמוניסטען און אויך אַ היבש ביסעל אַטעאיסטען, אַלע זענען דאָרט ווילקאָמען. זאָל אָבער אַ איד וואָס גלויבט אין ישוע המשיח אריין קומען וועט מען איהם באַליידיגען און אפשר אויך מיט אַ מתנת יד מכבד זיין. אָט דאָס הייסט ליבעראַל און טאָלעראַנט.

אדער די נביאים נייערט צו ערפילען . . . ווען אר־ווער צושטערט איינע פון די קלענסטע מצוות ווער ער אנגערופען ווערען קליין און נידריג אין מלכות השמים . . . איך זאג אייך ווען אייער גערעכטיג־קייט וועט נישט זיין גרעסער פון די סופרים און פרושים וועט איהר נישט קענען אריין אין מלכות השמים" (מתתיהו ה׳, 17—21). דאס הייסט ביים עדיטאר קיין איד געוועזן?

ישוע המשיח איז פון וויגעלע ביז צום קבר גע־ווען איינער פון אונזער פאלק און האט קיינמאל דאס נישט אויפגעהערט צו זיין. ער איז אפט גע־גאנגען אין בית הכנסת ווי אויך אין בית המקדש אריין. (לוקס ד׳, 16). ער האט געוויינט אויפ׳ן אידישען חורבן וואס ער האט געזעהן קומען אויף אידען צוליעב די שרעקליכע זינד, און צוליעב דעם וואס אידען האבען איהם, דעם הייליגען משיח, ניט געוואלט אננעמען. צוליעב די זינד זענען דאס איבער אונז תמיד געקומען אזוי העפטיג די חורבנות און כל־ערליי צרות, אבער נישט חלילה צוליעב איהם ווי דער רעדאקטאר וואגט אין זיין עדיטא־ריעל צו באהויפטען. אין געגענטייל, ווען נישט ישוע המשיח וואלטען אונזערע גוי׳שע שונאים שוין לאנג פון אונז געוועזן א תל געמאכט, נור ער אליין האט ביסלעכווייז פון זיי דעם טויטליכען גיפט אוועקגענומען, זיי געמאכט פאר קריסטען, קינדער פון גאט, וועלכע האסען נישט מעהר, שלאגען נישט מעהר און טרייבען נישט מעהר קיין אידען נייערט ליעבען אונז, ווייל זיי פאלגען ישוע המשיח וואס האט זיי אזוי געהייסען טהון.

ניין, ווערטהער לעזער פון רעה ישראל, ישוע המשיח איז נישט געוועזן איינער פון די פינף בא־ריהמטע אידען פון דער געשיכטע, נייערט דער גרעסטער און אלבעריהמטעסטער צווישען אלע. זי־צענדיג איצט לימין הגבורה, (תהלים ק״י) און וועט שפעטער זיין דער מלך על כל הארץ, צי דער רע־דאקטאר פון יענעם ארטיקעל וויל יא צי ניט, ווייל גאט וויל אזוי.

---

## נור יחידי סגולה זוכען דעם אמת

דאס איז געוועזן דער טיטעל פון אן עדיטאריעל אין א אידיש בלאט אין ניו יארק אין וועלכען דער רעדאקטאר לויבט שטארק דעם עקס סעקרע־טערי ניוטאן ד. בייקער׳ס רעדע וואס ער האט גע־האלטען א פאר טעג פריהער.

דער עדיטאר זאגט דארט:

"דער באזיס פון אלע פרייהייטען איז רעליגיע־זע פרייהייט. דער פונדאמענט פון טאלעראנץ, איז פריינדליכקייט צו מענשען וואס גלויבען אנדערש. דער ערגסטער פון אלע פאראורטיילען איז דער וואס האט צו טהון מיט אמונה. אבער די מאסע איז קיינמאל נישט בעגייסטערט פאר רעליגיעזע פריי־הייט און טאלעראנץ און מ׳קאן ביי איהר לייכט פועל׳ן צו פארפאלגען די וואס גלויבען אנדערש. א געדריקטע מאסע פאדערט רעליגיעזע פרייהייט און טאלעראנץ, אבער אזוי באלד ווי זי ווערט פריי, ווערט זי גלייכגילטיג און ווען זי האט נור מאכט איז זי גרייט צו דריקען אנדערע".

עס איז פאראן א זעהר אינטערעסאנטע געשיכ־טע אין שמואל ב׳, קאפיטעל א׳, וואו מיר לעזען, אז דער יונגער עמלקי איז געקומען צו דוד המלך און איהם דערצעהלט ווי אזוי ער האט גע׳הרג׳עט שאול המלך. דער עמלקי האט זיכער גערעכנט פון דוד המלך דערפאר גרויס כבוד צו בעקומען. מיר לייענען אבער דארט אז דוד האט גערופען איינעם פון זיינע סאלדאטען און איהם געהייסען צו טויטען דעם עמלקי, זאגענדיג: "דיין בלוט זאל זיין איבער דיין קאפ, ווייל דיין אייגען מויל האט קעגען דיר עדות געזאגט אז דו האסט גע׳הרג׳עט דעם געזאלב־טען פון גאט".

ווי זעהר פאסט זיך אט דיעזער טרויעריגער אינצידענט צו דעם רעדאקטאר בפרט און אנדערע אידען ווי ער, בכלל.

ווער נאך האלט אן אזוי פיעל פראטעסט מי־טינגען וועגען פאראורטיילען און טאלעראנץ געגען אידען, ווי מיר אידען טהון? און דאס אייגענע מויל זאגט עדות געגען זיך אליין וואס פראקטיצירט אליין נישט יענע פרינציפען צו זיין טאלעראנט צו אנדערע וואס זענען נישט איבעראיינשטימיג מיט זיי און זייער גלויבען.

ווי אפט האבען מיר געזעהן אין דעם עדיטארס צייטונג־בלאט אין פערשידענע צייטען, שווידער־ליכע אויסדרוקען און היציגע ארטיקלען דארט גע־שריבען, געגען אייגענע ברידער, אידען וואס גלויבען אין ישוע המשיח? איז דאס ביים רעדאקטאר א רעפיניציאן פון טאלעראנץ און פון רעליגיאנס פריי־הייט? וואסארא גרויסער תהום איז דארט פאראן צווישען זיין ווארט און צווישען זיין טהאט!

ווי אמת איז דאס וואס ער אליין זאגט דארט אין זיין ארטיקעל: "אז א געדריקטע מאסע וואס פאדערט טאלעראנץ און רעליגיעזע פרייהייט איז גרייט צו דריקען אנדערע אזוי באלד ווי זי ווערט נור פריי. אידען זענען פון תמיד אן איבעראל גע־ווען געדריקט, געטריבען און אין בעסטען פאל נור טאלערירט. זיי האבען איבעראל געפאדערט "פריי־הייט" און האבען עס ניט באקומען. דא אין אמערי־קא, וואו דער גייסט פון ישוע המשיח הערשט, האט ער עס יא בעקומען, נעמט ער אבער באלד דעם זעל־בען שטעקען אין האנד וואס האט איהם גופא אין אנדערע לענדער גארניט געשמעקט, און בענוצט דאס געגען אנדערע וואס זענען מיט איהם נישט איינשטימיג אין זיינע אויפפאסונגען.

זיי, די גלויביגע אין ישוע המשיח, ווילען זיך נישט צופרידען שטעלען מיט מצות אנשים מלמדה. זיי ווילען עפעס בעסערס, העכערס, מעהר ממשות׳־דיגעס ווי דאס, דערפאר גלויבען זיי אין ישוע המשיח, ווייל "כה אמר ד׳", גאט זאגט אזוי אז ישוע איז דער איינציגער גואל ומשיח. אט אין דעם שטעקט אונזער איינציג פארברעכען וואס מיר פאל־גען גאט ב"ה, קומט אונז דערפאר אזוי אונרחמנות׳־דיג צו קאליעטשען און צו רצח׳ענען? איז שוין גאר קיין גאט פאראן דארט אין אייער הערץ און אין אייער געוויסען? אוי לאזנים שכך שומעות.

נישט לאנג צוריק האבען מיר געלייענט אין אידישע צייטונגען וועגען א געוויסען פראנצויז פאל־מיערע וואס איז א כשר׳ער איד געווארען. האט אדוועך עפעס גערעדט אדער פובליצירט אירגענד וועלכע מיינונגען וועגען איהם? וועלכער גוי׳שער רעדאקטאר האט איהם דערפאר אנגערופען אבשטוי־סענדע נעמען, אזוי ווי דער אידישער רעדאקטאר רופט אן א איד וואס ווערט א גלויביגער אין ישוע המשיח?

די מכה זעהען מיר שוין וואו זי שטעקט. עס איז דערפאר ווייל דארט אין יענעם הערץ איז פא־ראן א היבש ביסעל שנאה, נקמה, און נאך אזאלכע ארטיקלען וואס בעלאנגען בעסער אין א סעספול... וואו איז אבער די רפואה צו דער מכה? הצרי אין בגלעד אם רפא אין שם כי מדוע לא עלתה ארכת בת עמי?

עס איז אבער יא דא א רפואה —

די רפואה — און נור די איינציגע רפואה — איז אין ישוע המשיח פאראן. אזוי באלד ווי ישוע המשיח קומט אין מענשענס הערץ אריין קומט אויך די ליעבע דארט אריין, און די שנאה מוז במילא ארויס פון דארט.

און אזוי ווי דער רעדאקטאר שרייבט זיין אר־טיקעל אונטער דעם קעפעל "נור יחידי סגולה זוכען דעם אמת", וואלטען מיר אודאי געווינשען אז דער רעדאקטאר פון יענעם ארטיקעל זאל אויך זיין איי־נער פון די יחידי סגולה צו געפינען די רפואה צו יענער מכה ר"ל.

---

## אַ טרינק פון דער קוואַלענדער ברון

"ווער עס וועט טרינקען פון דעם וואסער וואס איך וועל איהם געבען דער וועט קיינמאל נישט דורשטיג זיין, נייערט דאס וואסער וואס איך וועל איהם געבען וועט אין איהם זיין א קוואל פון וואסער וואס קוועלט צום עוויגעם לעבען" — יוחנן ד׳.

"און ער האט געזאגט, א געוויסער מאן האט צוויי זיהן געהאט. און דער יונגערער האט צו זיין פאטער געזאגט, פאטער, גיב מיר דעם חלק פון דעם פערמעגען וואס געהערט צו מיר. און ער האט זיין פארמעגען צווישען זיי געטיילט. און נאך עטליכע טעג האט דער יונגערער זוהן אלעס צוזאמען גענו־מען, און איז אוועקגעפאהרען אין א ווייטען לאנד אריין, און דארט האט ער פערשווענדט זיין פער־מעגען אין איין אויסגעלאסען לעבען. ווען ער האט אלעס פערצעהרט, איז געוועזן א שטארקער הונגער אין יענעם לאנד, און ער האט אנגעהויבען אין נויט צו זיין. איז ער געגאנגען און האט זיך באהעפט צו איין איינוואוינער פון דעם לאנד, און ער האט איהם אין זיינע פעלדער געשיקט חזרים צו פאסען. ער האט געוואלט זיין בויך אנפילען מיט די שא־לאכץ וואס די חזרים האבען געפרעסען, און קיינער האט איהם גאר ניט געגעבען. און ווען ער איז צו זיך געקומען האט ער געזאגט, וויפיעל משרתים פון מיין פאטער האבען ברויט גענוג און איבריג, און איך קום אום דא פאר הונגער. איך וועל אויפשטעהן און וועל געהען צו מיין פאטער, און וועל צו איהם זאגען, פאטער, איך האב געזינדיגט קעגען דעם הימעל און פאר דיר, איך בין ניט מעהר ווערט דיין זוהן צו הייסען; מאך מיך ווי איינעם פון דיינע משרתים. און ער איז אויפגעשטאנען און איז צו זיין פאטער געקומען. און ווען ער איז נאך ווייט פון איהם געוועזן, האט איהם זיין פאטער געזעהן, און האט רחמנות בעקומען, און איז געלאפען און איהם אויף דעם האלז געפאלען, און האט איהם גע־קושט. און דער זוהן האט צו איהם געזאגט, פא־טער, איך האב געזינדיגט קעגען דעם הימעל און פאר דיר, איך בין ניט מעהר ווערטה דיין זוהן צו הייסען. אבער דער פאטער האט צו זיינע קנעכט געזאגט, ברענגט ארויס געשווינד דאס בעסטע קלייד און טהוט איהם אן, און גיבט איהם א רינג אויף זיין האנד און שיך אויף די פיס, און ברענגט דאס פעטע קאלב און שעכט עס און לאזען מיר עסען און זיך פרייען; ווארים דיזער מיין זוהן איז טויט געוועזן און לעבט ווידער, ער איז פערלוירען געוועזן און איז געפונען. און זיי האבען אנגעהויבען פרעהליך צו זיין". (לוקס ט"ו, 11—25).

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני קרא הרעה הטוב יוחנן 10 · 11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

Vol. XIII. No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1931


## פינף באַריהמטע אידען פון דער געשיכטע

אונטער דעם אויבינגען קעפעל איז ערשיענען אַן עדיטאָריעל אין אַ ניו יאָרקער אידישע צייטונג, ציטירענדיג אַ דרשה פון אַ געוויסען ראַביי, וועלכער האָט אויסגערעכענט פינף פון די באַריהמטעסטע אידען אין דער וועלט-געשיכטע, נעמליך: משה רבינו, יעזוס, שפינאָזא, קאַרל מאַרקס און איינשטיין.

אין יענעם עדיטאָריעל האָט דער עדיטאָר זיך אַ היבש ביסעל לוסטיג געמאַכט מיט זיין אייגענטימליכען ביסעל לצנות אויף יענעם ראַביי, בכן, ער, אַלס ראַביי, וואַגט אַריינצורעכענען יעזוס (ישוע המשיח) צווישען די באַריהמטעסטע פינף אידען אין די וועלט געשיכטע. ער זאָגט דאָרט אונטער אַנדערען —

ערשטענס, איז דאָך ישוע המשיח געוועזען דער גרינדער פון קריסטענטום, פון אַ נייע קאָנצעפּציאָן, וואָס גראָבט אונטער דעם יסוד פון אידישקייט, און

צווייטענס, איז דאָך דער ישוע המשיח די סבה פון אַלע אידישע חורבנות ביז אויף היינטיגען טאָג. און

דריטענס, איז דאָך ישוע המשיח — לויט ברונאָ בויער און אַנדערע אַזאַלכע ווי ער — קיינמאָל נישט עקזיסטירט, און איז נור אַ מיטוס, דערפאַר איז דער עדיטאָר שטאַרק מקפיד וואָס דער ראַביי וואַגט צו בעצייכענען ישוע המשיח פאַר אַ באַריהמטען איד מיט אַן ערהאַבענע נשמה און איהם שטעלען אויף איין מדרגה מיט משה רבינו און די אַנדערע.

דאָס איז אין קורצען דעם עדיטאָר'ס קאָנצעפּציאָן וועגען ישוע המשיח און ער פאַרגעסט אַפּנים אַז ער שרייבט דאָס פאַר לעזער אין 1931 און נישט פאַר פרימיטיווע חברה וואָס וועלען אַלעם גלויבען וואָס ער זאָגט.

אויבשאָן, יענער עדיטאָריעל איז שוין ערשיענען כמעט צוויי מאָנאַטען צוריק, דאָך ליגט ער נאָך גוט אין געדאַנק ביים אידישען לעזע פובליקום, פון וועלכע אַ טייל האָבען אפשר אָמן געזאָגט דאַצו, אָבער אַן אַנדערע טייל האָבען דרויף געקוקט מיט גרויס פעראַכטונג.

אַן עדיטאָר דאַרף באַלעהרען דאָס פאָלק און זיי געבען אונטער אַלע מענשען פונדאַמענטאַלע אמת'ן וואָס זאָל ערפרישען דאָס צובראָכענע געמיטה און דאָס פאַרטריקענטע הערץ און די פערדאָרטע נשמה. ער דאַרף זיי באַלעהרען צו רעספּעקטירען יעדענס געפיהל אַזוי ווי ער אַליין בעצייכענט זיך אַלס אַזאַלכער. צום סוף פאַרלעצט ער גאָר די געפיהלען פון גרויסע מאַסען, אידען און נישט אידען, און וואָלט וועלען מיט איין שטריך פון זיין פען אַ תל מאַכען פון ישוע המשיח'ס גרויסקייט, און באַרויבען דעם אויבען־אָן, איהם, וואָס איז דער "הייליגסטער צווישען די מעכטיגסטע און דער מעכטיגסטער צווישען די הייליגע" (י. פּ. ריכטער, שריפטשטעלער און טהעאָלאָג).

די "באַריהמטע אידען" וואָס דער עדיטאָר רעכענט דאָרט אויס, זענען געוועהנליך באַריהמט געוואָרען אויף פאַרשידענע געביעטען און יעדער איז גרויס אויף זיין אייגענעם געביעט. מיר אַלס אידען דאַרפען אָבער געהן צום הייליגען תנ"ך, וואָס איז די גרעסטע אויטאָריטעט אונז אַהין צו ווייזען אויף דעם גרויסקייט פון דעם אָדער יענעם פערזאָן. ווייל מיר אַלס מענשען קענען סוף כל סוף אַ טעות מאַכען אין אַ מענשענס גרויסקייט, גאָטס וואָרט קאָן אָבער קיינמאָל קיין טעות מאַכען, ווייל עס איז גאָט אַליין וואָס זאָגט עס.

אמת, מר. איינשטיין איז אַ גרויסע פערזענליכקייט אויפ'ן געביעט פון רעלאַטיוויטעט און סייענס. קאַרל מאַרקס שטעהט אויך אויף אַ גאַנץ הויכען פעדעסטאַל אין דער געשיכטע. שפינאָזא דער פילאָזאָף איז באמת געוועזען גרויס אויף זיין געביעט. און משה רבינו — "מי לנו גדול ממשה!" משה דער געזעצגעבער, דער בעפרייער, דער פאַרבעטער, דער פיהרער פון ישראל, אודאי זעהר גרויס!

אָבער — הערט אויס ווערטהע לעזער — ווען משה רבינו איז גרויס אַלס בעפרייער, געזעצגעבער און פיהרער פון א י י ן נאַציאָן, טאָ ווי גרויס איז שוין ישוע המשיח וועלכער ציהט-צו צו זיך מענשען פון אַלע נאַציאָנען, בעפרייהט זיי פון עבודה זרה און מאַכט זיי "בנים למקום". ער ברענגט זיי אַרויס "מעבדות לחירות משעבוד לגאולה מאפילה לאור גדול" וואָס עס ערקוויקט די גאַנצע מענשהייט!

ווען כ"ה רבינו איז גרויס, וואָס מיר זאָגען אָמן דאַצו, ווי גרויס איז שוין ישוע המשיח אויף וועם משה רבינו האָט מיט גרויס יראת הכבוד אַהינגעוויזען אַלס דער גרויסער נביא און ער וואָרענט אונז "אליו תשמעון", אַז מיר זאָלען איהם צוהערען, ווייל זאָנסט זאָגט דאָרט גאָט "אנכי אדרש מעמו", וועט עס גאָט פון אונז פאָדערען. (דברים י"ח, 15.)

(אָט דאָס האָט אויך ישוע המשיח געזאָגט אין יוחנן ה': "ווען איהר וואָלט געגלויבט משה'ן וואָלט איהר אויך מיר געגלויבט ווייל משה האָט דאָך אויף מיר געשריבען".)

ווער קאָן דען גאָר בעשרייבען דאָס גרויסקייט פון ישוע המשיח אויף וועם גאָט ב"ה אַליין בעצמו ובכבודו זאָגט אונז דורך ישעיה הנביא אין קאַפּיטעל נ"ב, 13: "הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד". אַז דער הייליגער משיח וואָס וועט אַזוי ערנידעריגט ווערען ווי אַ קנעכט, וועט זיין הויך, דערהויבען און זעהר גרויס זיין. און אין דעם נעכסטען קאַפּיטעל (ישעיה נ"ג) זאָגט ער אונז מיט כל־ערליי סמנים ווער יענע הויכע און גרויסע פערזענליכקייט איז. דער קדוש ישראל אין זיין גרויסקייט האָט די וועלט אַזוי געליעבט אַז ער איז פאַר דער זינדיגער וועלט געוואָרען דער משיח, דער גואל, דער פודה ומציל, מיט דעם וואָס ער איז געוואָרען דאָס קרבן פאַר אונז אַלע. יאָ, אויך פאַר אייך, פריינד רעדאַקטאָר, ווען איהר זאָלט דאָס נור וועלען גלויבען אין גוטען אידישקייט.

ישוע המשיח דער גרעסטער פון אַלע האָט אונז אַלע פאַרזיכערט מיט כפרות עון און מיט עוויגעם לעבען וואָס קיין קאַרל מאַרקס, קיין שפּינאָזא, קיין איינשטיין און קיין משה רבינו האָט עס געקאָנט טהון (לעזט ישעיה נ"ג און דאָס ברית חדשה).

אויף ישוע המשיח'ס גרויסקייט האָבען אויך גרויסע פערזענליכקייטען עדות געזאָגט אין אַלע צייטען. אָט הערען מיר ווי דער "קצין היהודים" נקדימון זאָגט צו ישוע המשיח: "רבי מיר וויסען אַז דו ביזט געקומען אַ לעהרער פון גאָט, ווייל קיינער קאָן טהון די וואונדער וואָס דו טהוסט אויסער ווען גאָט איז מיט איהם" (יוחנן ג').

אויף ישוע המשיח האָט דער צדיק ר' שמעון אַמאָל געזאָגט צו גאָט: "איצט מעגסטו מיך שוין אין פריעדען פון דאָ אַוועק נעמען ווייל דיין ישועה האָבען מיינע אויגען געזעהן וועמען דו האָסט פאַרבערייט אַלס אַ ליכט צו שיינען אַלע פעלקער און אַ כבוד פאַר דיין פאָלק ישראל" (לוקס ב', 29—33). דאָס איז געוועזען ווען ר' שמעון האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן ישוע דעם משיח ד'.

ישוע המשיח איז נישט נור געוועזען איינער פון די גרעסטע אידען אין דער געשיכטע נייערט דער גרעסטער און בעסטער וואָס האָט אַמאָל געטראָגען דעם נאָמען איד. אדרבה, הערט וואָס ער זאָגט מכח ווי אַזוי צו זיין אַ איד:

"איך בין נישט געקומען צו צושטערען די תורה


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.